בס"ד

ראה תשפ"ד

גליון 205

# דעם רבינ'ס ליכט



אֵייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אַרוֹיף אִין הִימְל / אִין טִיפְן אָפְּגְרֵינְד

דֶעם שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען שׁוֹין רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל. בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָינוּ לַזְּמַן הַזֶּה. אַלֶע וֵוייסְן דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת פוּנֶעם חֹדֶשׁ: 'אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי', אִיךְ וֶוענְדְט זִיךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶוענְדְט זִיךְ צוּ מִיר! אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה ו' אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטַארְקְן אִין אַלֶע מַצָּבִים. דֶער רֶבִּי רוּפְט עֶס אָן 'בְּקִיאוּת' - זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען אוּן זַיין בָּקִי אִין 'רָצוֹא' - דָאס מֵיינְט וֶוען אַלֶעס קְלַאפְּט, דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם פָּארְט אִים, דֶער דַאוֶוענֶען, דָאס לֶערְנֶען, עֶר קֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ מִצְוֹת, זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים, מַאכְן אַלֶע מִצְוֹת מִיט חִיוּת אוּן חֵשֶׁק.

ווִידֶער אִיז דָא אַ מַצָּב פוּן 'שׁוֹב', וֶוען יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, קַאלְט אוּן פַארְלָאשְׁן אָן קַיין טְרָאפּ וַוארֶעמְקֵייט. בַּיים לֶערְנֶען שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט קַיין טַעַם, בַּיים דַאוֶוענֶען, טוּן מִצְוֹת, עֶס קוּמְט שַׁבָּת פִילְט עֶר אַ שְׁוֶוערִיקַייט, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין אִידִישְׁקַייט. זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן אֱלוּל, זַיין בָּקִי אַלֶעמָאל, סַיי וֶוען סְ'גֵייט, 'רָצוֹא' עֶר לוֹיפְט פָארְאוֹיס אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז 'שׁוֹב' וָואס אִיז גְלַייךְ צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אוֹיף צוּרִיק - עֶר גֵייט גָאר פַּאמֶעלִיךְ.

לָאמִיר זֶען אַ בְּרִיוֶועלֶע אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה וָואס ר' נָתָן שְׁרַייבְּט פַאר זַיין זוּן ר' יִצְחָק דָאנֶערְשְׁטָאג שׁוֹפְטִים, יָאר תּ"ר גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין הֵיילִיגְן שְׁטָאט אוּמַאן.

...דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מַיִם רַבִּים - אַלֶע סָארְטְן וַואסֶערְן וָואס בּוּדְשֶׁעוֶוען אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁוֶועמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם תַּכְלִית, לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת אַהֲבָה, מֶען קֶען נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס אַ אִיד הָאט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וּנְהָרוֹת לֹא יִשְׁטְפוּהָ, גְרוֹיסֶע טַייכְן קֶענֶען נִישְׁט פַארְפְלֵייצְן אוּן אַוֶועקְכַאפְּן מַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת. בִּפְרָט אַז מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף זֶענֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע רְצוֹנוֹת אַוֶועק גֶעלֵייגְט אוּן פַארְסְטֶעמְפְּלְט בַּיים גְרוֹיסְן צַדִּיק דֶער 'רֹאשׁ בֵּית', מִיטְן כֹּחַ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ תִּקְוָה צוּ אַלֶעם גוּטְס אוֹיף אַלֶעמָאל.

נָאר אֵיין זַאךְ מַיין טֵייעֶרֶער זוּן. שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר, אוּן פְרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם אַ גַאנְץ יָאר, אַז גֶעלוֹיבְּט גָאט, אִיךְ הָאבּ גוּטֶע רְצוֹנוֹת, נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען עֶס נִישְׁט צוּנֶעמֶען. בִּפְרָט אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן תִּשְׁרֵי זָאלְסְטוּ נָאךְ מֶער זִיךְ פְרֵייעֶן, מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה ו' אוֹיפְן פָּסוּק, "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ" אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיף גָאר הוֹיךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְף עֶר

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

ווייסן אַז דער אויבערשטער איז נאָך גאָר ווייט פון אים. 'שָׁם', אֲפִילוּ אויב אַ מענטש איז אַרויף אויבן אין הימל, ער לויפט פּאַרויס מיט זיינע גרויסע דרגות, איז דער אויבערשטער נאָך ווייטער און אַסאַך העכער און העכער פון אים, 'שָׁם אָתָּה'. ווידער אויב אַ מענטש איז חָלִילָה אַרײַנגעפאַלן אין שלעכטע מקומות 'וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל', ער איז נעבעך אין טיפן גיהנם, דאַרף ער ווייסן אַז 'הִנֶּךָּ', דער אויבערשטער איז ממש דאָ נעבן מיר.

זאָל דער אויבערשטער העלפן מיר זאָלן זיך קענען גרייטן צום יום טוב ראש השנה ווי עס דאַרף צו זיין און מיר זאָלן זוכה זיין צו שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי, בְּבִיאַת גּוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן

# איין אמשה'לע



## אין שום יאוש

איינמאָל האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אין שול צו לערנען ספר השתפכות הנפש. און איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס איך לערן, ס'איז מיר נישט געגאַנגען. איך האָב פּרובירט איינמאָל און נאָכאַמאָל, אָבער עס איז נישט געגאַנגען, האָב איך גענומען די עצה פון הייליגן רבי'ן פון 'אין יאוש בעולם כלל' אַז אַ מענטש זאָל זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין, מיטאַמאָל האָב איך פּרובירט נאָך איין מאָל און איך האָב עס שוין פאַרשטאַנען, ס'איז מיר געוואָרן געשמאַק און איך האָב באַקומען אַ שטאַרקע חיזוק פון די הייליגע דיבורים פון רבי'ן.

פון דאָ זעט מען אַז אין שום יאוש בעולם כלל!

## אַ ריינע נסיעה אין שטוב

ס'איז הייס אין דער גאַס. דער עולם מיינט אַז מען דאַרף פאָרן, קומען, גיין, האָצקען און זיך איבערקערן אַכציג מאָל אַז נישט וועט מען נישט ווייסן אַז ס'איז געווען זומער בכלל.

מיר קינדער מיינען אַז מיר מוזן און מען קען הנאה האָבן פון דעם עולם הזה.

פון אָנהייב זומער וואָס מיר האָבן נישט אויפגעהערט צו זינגען אַ ניגון, "אפשר זאָל מען איין טאָג פאָרן? אפשר צום פּאַרק? אפשר שפּילען? גליטשן? אַ שבת אויף די בערג? אַ שבת אונטער די בערג?" יעדן טאָג זענען מיר אויפגעקומען מיט אַנדערע געדאַנקען ווי מען קען מאַכן אַ לעבן. די דמיונות זענען אַרויף און אַראָפּ פון טיש ווען יעדן טאָג קומט אַפּיר אַ פרישע פּלאַן.

מיינע עלטערן האָבן אונז געדולדיג אויסגעהערט אָבער עס האָט נישט אויסגעזען ווי זיי דערשרעקן זיך פון אונזערע טאַנצערייען. זיי מאַכן זייערע החלטות לויט וואָס זיי פאַרשטייען איז גוט פאַר אונז.

איין טאָג האָבן מיין טאַטע מחליט געווען אַז ער וועט אונז אַרויסנעמען אויף אַ שפּאַציר. מיר האָבן געמיינט אַז די גליק האָט אונז אָנגעטראָפן, ענדליך... ענדליך איז אונזער חלום געוואָרן

ווירְקְלִיךְ.

מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַּאקְן אוּן פֶּעקְלֶען. עֶסְן, טְרִינְקֶען, קַאלְטֶע הֵייסֶע, וַוארִימֶע, טְרִיקֶענֶע, נַאסֶע, דִי פַּאקֶערַיי הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט. יֶעדֶע מִינוּט הָאט מֶען זִיךְ דֶערְמַאנְט נָאךְ עֶפֶּעס וָואס מֶען הָאט פַארְגֶעסְן. בִּיז מֶען הָאט יֶעדְן גֶעזֶען אִין קַאר אִיז מֶען שׁוֹין גְרִין גֶעוָוארְן.

וַיִּסְּעוּ. מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָּארְן. קוים אַרוֹיסְגֶעפָּארְן הָאבְּן דִי קְלֵיינֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זִינְגֶען אַ נִיגּוּן אַז סְ'אִיז הֵייס. אַ צְווֵייטֶער הָאט גֶעדַארְפְט אַ בֵּית הַכִּסֵּא, אַ דְרִיטֶע הָאט גֶעשְׁטוֹיסְן דֶעם פֶּערְדְן אוּן דֶער פֶּערְדֶער הָאט צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן פַארְן צְווייטְן. מַיין טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז וָוען מֶען פָּארְט אַרוֹיס אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אָבֶּער דָא זֶעט עֶר נָאר ווִי מֶען קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם וֶוער סְ'זָאל זִיצְן רֶעכְטְס אוּן וֶוער לִינְקְס.

שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אִיז מֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם עֶרְוַוארְטֶעטֶעם אָרְט, מֶער דַארְף מֶען נִישְׁט זִיצְן צֶעקְוֶועטְשְׁט אִין דִי הֵייסֶע קַאר. אָבֶּער דָא הָאט זִיךְ הֶערְשְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי שְׁוֶועריגְקַייטְן. וואו אִימֶער מֶען הָאט זִיךְ גֶעקֶערְט אִיז גֶעוֶוען אַן אָנְלוֹיפֶענִישׁ פוּן מֶענְטְשְׁן פוּן אַלֶע מִינֵי שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן, נִישְׁט אוֹיף אַלֶעמֶען הָאט מֶען גֶעמֶעגְט אַ בְּלִיק גֶעבְּן. מִיר הָאבְּן גֶעמוּזְט דִי גַאנְצֶע צַייט הַאלְטְן דִי אוֹיגְן אוֹיף אַרָאפּ. מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין אֵיין מִינוּט הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי שֵׁיינֶע וַואסֶער ווייל ווִי אַזוֹי קֶען מֶען בַּאטְרַאכְטְן דִי וואוּנְדֶער פוּן בַּאשֶׁעפֶער וָוען אִין דֶער צַייט קֶען מֶען זֶען רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת?

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט פָּארְן אוֹיף אַ שִׁיף אָבֶּער דִי רַייסֶעס הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁלֶענְגְלְט בִּיז יֶענֶעם עֶק וֶועלְט. מַיין טַאטֶע הָאט גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז בִּיז מֶען וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אוּנְזֶער רַייעֶ וֶועט מֶען שׁוֹין דַארְפְן דַאוֶוענֶען מִנְחָה.

דֶער סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז מִיר זֶענֶען אַוֶועקְגֶעפָּארְן פוּן יֶענֶעם אָרְט וואו דָאס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פַאר אָן אָפְּגֶעהִיטֶענֶעם אִיד אוּן זִיכֶער נִישְׁט פַאר אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד. מִיר הָאבְּן בֶּעסֶערֶע 'מִצְווֹת' ווִי זִיךְ גֵיין שְׁפִּילֶען אוּן זִיךְ דְרַייעֶן אִיבֶּער דִי וֶועגְן אוּן שְׁטֶעגְן אִין דִי זוּמֶער וָואכְן.

מִיר זֶענֶען אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אַבִּיסְל אַנְטוֹישְׁט. פָּארְט זֶענֶען מִיר קִינְדֶער. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אוּנְז דֶערְמַאנְט אַז מִיר זָאלְן מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז בַּאשֶׁערְן אַ שֵׁיינֶע פַארְבְּרֶענְג. מַיין קְלֵיינֶע פִינְף יֶערִיגֶער בְּרוּדֶער הָאט אַזוֹי זִיס גֶעזָאגְט תְּהִלִּים.

״מֶען גֵייט,״ הָאט מַיין טַאטֶע אוּנְז אַרוֹיפְגֶעקְלִינְגֶען אִין שְׁטוּבּ. מִיר זֶענֶען אַלֶע אַרַיין אִין קַאר אוּן עֶר הָאט אוּנְז גֶעפִירְט צוּ אַ שְׁפִּילְצַייג גֶעשֶׁעפְט. מַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף אַ טַאנְצֶער וָואס מֶען בְּלָאזְט אוֹיף. סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס אַז סְ'אִיז גֶעוֶוען פוּנְקְט דִי מָאס וָואס מִיר בְּרוֹיכְן הָאבְּן. אוּן דִי פְּרַייז? סְ'אִיז גֶעוֶוען אַן אַלְטֶע מָאדֶעל הָאט עֶר אוּנְז גֶעקֶענְט גֶעבְּן אַ הוּנְדֶערְט דָאלֶער בִּילִיגֶער.

מִיר זֶענֶען אַהֵיימְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאכְמֶער אַז מֶען קֶען פַארְבְּרֶענְגֶען אִינְדֶערְהֵיים אָפְּגֶעהִיטֶענֶערְהֵייט אָן זִיךְ דְרַייעֶן אִין דִי גַאסְן ווִי דִי אוֹיגְן קֶענֶען זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם אָנְקְלַאפְּן אִין נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶע זַאכְן.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט אַז דִי טַאנְצֶער וֶועלְן מִיר מוּזְן לָאזְן שְׁפִּילְן אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס ווִילְן אוֹיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען אִין אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶער ווִינְקְל.

מושי ק, מאנסי



# גֶעראַטֶעוֶועט

# פון דִי מִתְנַגְּדִים

*המשך פון פריער - דער רבי רעכט זיך צו אנקומען אין שטאט ווען די מתנדים גרייען זיך אים צו באפאלן און באקלאפן די ביינער.*

דֶער וָואגְן הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט, אוּן דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן גֶעזֶען אַ שֵׁיינֶע צוּגֶעדֶעקְטֶע וָואגְן, מִיט אַ פַּארְמַאכְטֶע דֶעק, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זִיצְן צְוֵויי גַבָּאִים, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דִי חָשׁוּבֶ'ע מְפֻרְסָמִים צוּ פָארְן. דָאס אִיז דֶער וָואגְן! אָן קַיין סָפֵק! הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט שְׁטִיל, עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט צוּ וַוארְטְן דִי גַאנְצֶע צַייט.

אִין אֱמֶת'ן אִיז דֶער רֶבִּי שׁוֹין לַאנְג גֶעוֶוען וַוייט אַוֶועק פוּן דָארְט, אַזוֹי אַז דֶעם רֶבִּי'נְס וָואגְן אִיז דָאס אַוַודַאי נִישְׁט גֶעוֶוען. אִין יֶענֶעם וָואגְן אִיז גֶעזֶעצְן אַ חָשׁוּבֶ'ע רֶעבֶּעצִין וָואס אִיז גֶעפָארְן מִיט צְוֵויי גַבָּאִים אוֹיפְן וֶועג... זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן זֵייעֶר רוּאִיג אָן צוּ וִויסְן וָואס עֶס וַוארְט זֵיי אָפּ אוֹיפְן וֶועג...

וִוי נָאר דֶער וָואגְן אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן נֶעבְּן נֶעמִירוֹב, זֶענֶען דִי מִתְנַגְּדִים אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען מִיט אַ בֶּהָלָה פוּן זֵייעֶר בַּאהֶעלְטֶענִישׁ, צוּגֶעלָאפְן צוּם וָואגְן מִיט זֵייעֶר כְּלֵי מַשְׁחִית בְּקוֹלוֹת וּבְרָקִים, אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוּן אָפְּגֶעריסְן דֶעם דֶעק פוּן וָואגְן אוּן גֶעוָואלְט שְׁנֶעל צוּגֵיין רוֹדֶף'ן דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין וָואגְן אַרֵיין הָאבְּן זֵיי דָארְט גֶעפוּנֶען נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע, נָאר אַ חָשׁוּבֶ'ע רֶעבֶּעצִין....

דִי גַבָּאִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דֶערְצִיטֶערְט, אַזַא זַאךְ הָאבְּן זֵיי נָאכְנִישְׁט גֶעזֶעהְן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, אַ בַּאנְדֶע אִידִישֶׁע חַסִידִישֶׁע רוֹיבֶּער'ס?!?! אוֹיךְ דִי חָשׁוּבֶ'ע רֶעבֶּעצִין אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן, וֶוען זִי הָאט זִיךְ נָאר אָפְּגֶעכַאפְּט דֶעם אָטֶעם הָאט זִי גֶענוּמֶען שְׁרַייעֶן אוּן וֵויינֶען פוּן גְרוֹיס בֶּהָלָה, דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן גֶעכַאפְּט זֵייעֶר גְרוֹיסְן טָעוּת, אָבֶּער אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט... אוֹי וֵויי, אַזַא בּוּשָׁה אוּן חֶרְפָּה, זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט הֶענְט אוּן פִיס אוּן אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט אִין אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק, הָאפְנְדִיג אַז קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט וִויסְן וָואס דָארְט אִיז פָּארְגֶעגַאנְגֶען.

דִי רֶעבֶּעצִין מִיט אִירֶע גַבָּאִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט וָואס דָא אִיז גֶעשֶׁעהְן, זֵיי הָאבְּן צוּרִיק אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן אוּן בַּאלְד אַרַיינְגֶעפָארְן אִין שְׁטָאט, וֶוען דִי רֶעבֶּעצִין כְּדֶרֶךְ הַנָּשִׁים, הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר יֶעדְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען מִיט זֵיי אוֹיפְן וֶועג, אֵיינֶער הָאט דֶערְצֵיילְט דֶעם צְוֵוייטְן, בִּיז דִי שְׁמוּעָה וֶועגְן דֶעם גְרוֹיסְן טָעוּת פוּן דִי מִתְנַגְּדִים, אִיז גֶעלָאפְן וִוי אַ פַייעֶר אִיבֶּער דֶערְנֶער, אוּן דִי שְׁטָאט הָאט גֶע'רַעשְׁ'ט אוּן גֶעקָאכְט וִוי אַ קֶעסְל..

אַזוי אַרום הָאבְּן זִיךְ אויךְ דִי חֲסִידִים פוּן רַבִּי'ן דֶערְוואוּסְט וָואס אִיז צוּם סוֹף גֶעשֶׁעהְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹרָא'דִיג גֶעפְרֵייט דָאס צוּ הֶערְן, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן דָאס דֶערְצֵיילְן פַארְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר וָואלְט יָא גֶעדַארְפְט בְּלֵייבְּן אוֹיפְן וֶועג אוּן צוּוואַרְטְן" ווייל דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע גֶעפַאר אוֹיבּ וָואלְט דֶער רֶבִּי בֶּאֱמֶת דָארְטְן אָנְגֶעקוּמֶען, וָואלְט מֶען יָא גֶעדַארְפְט דָארְטְן בְּלַייבְן אוּן הִיטְן דֶעם רֶבִּי'ן אַלְס "לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ" אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דָאס שׁוֹין צוּגֶעפִּירְט צוּם גוּטְן.

אֵיינֶער פוּן דִי מִתְנַגְּדִים וָואס אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן דִי גְרוּפֶּע, הָאט זִיךְ פַארְשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ אַ שְׁטִיקְל צַייט, פוּן גְרוֹיס בּוּשָׁה, דֶערְוַוייל הָאט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט בַּיים קָאפּ, וָואסְפַארַא שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ עֶר הָאט גֶעוָואלְט טוּן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַ מַתָּנָה פַארְן רֶבִּי'ן, אִים אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן אוּן מְפַיֵּיס זַיין, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם גֶעשַׁאנְק פוּנֶעם מִתְנַגֵּד, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "אַוְודַאי וֶועט דִי מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אִים עֶפֶּעס הֶעלְפְן, אָבֶּער דָאס גֵייט אִים נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּנֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן עֹנֶשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן...."

פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען דִי הַארְבְּקֵייט פוּן זִיךְ קְרִיגְן אָדֶער רֶעדְן אוֹיף אַ צַדִּיק, אָבֶּער מֶען קֶען אויךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם אַ גְרוֹיסֶע הִתְחַזְּקוּת, ווִי גֶעוואַלְדִיג אִיז אַז מֶען הַאלְט זִיךְ אִינֶעם צַדִּיק, מֶען פָאלְגְט דֶעם צַדִּיק, אוּן אַוודַאי עַל כָּל פָּנִים אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְן צַדִּיק....

ר' נָתָן פְלֶעגְט זִיךְ מִיט דִי זַאךְ אַסַאךְ מְחַזֵּק זַיין, אוּן אויךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען זַיין זוּן ר' יִצְחָק אִין זַיינֶע בְּרִיוְון וָואס עֶר הָאט אִים גֶעשִׁיקְט, אַז אֲפִילוּ עֶר זֶעט אַז עֶר אִיז ווַייט פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר דַארְף נָאךְ אַסַאךְ פַארֶעכְטְן, זָאל עֶר זִיךְ כָאטְשׁ מְחַיֶּה זַיין, "גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְן גְרוֹיסְן אֱמֶת'ן צַדִּיק", קַל וָחֹמֶר אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין אָט דֶעם צַדִּיק אוּן ווִיל אִים פָאלְגְן, דַארְף עֶר זִיךְ שׁוֹין גָאר שְׁטַארְק פְרֵייעֶן אוּן טַאנְצְן פוּן שִׂמְחָה, אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ... טוֹיזְנְט מָאל....



הָרַב הֶחָסִיד ר' נַחְמָן שְׁטֶערְנְהַארְץ הי"ד וָואס אִיז בַּאוואוּסְט מִיטְן נָאמֶען "ר' נַאשְׁקֶע" אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער בָּחוּר, אוֹיסֶער דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אֵיינִיקְל פוּן ר' נָתָן אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חִידוּשׁ אִין זַיין תְּמִימוּת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. וֶוען ר' נַאשְׁקֶע אִיז גֶעקוּמֶען נָאנְט צוּ דִי שִׁידוּכִים יָארְן הָאט מֶען גֶערֶעדְט פַאר אִים אַ שִׁידוּךְ פוּן אַ רַייכֶע אוּן פֵיינֶע מִשְׁפָּחָה, אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶע פוּן דִי גְבִירִים פוּן שְׁטָאט, אַלֶעס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר שֵׁיין אוּן פַּאסִיג, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן רֶעדְן אַבִּיסְל פַארְן שְׁלִיסְן דֶעם שִׁידוּךְ, אָבֶער וֶוען ר' נַאשְׁקֶע הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זִי גֵייט צוּדֶעקְן דֶעם קָאפּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, הָאט זִי זִיךְ אוֹיסְגֶעלַאכְט פוּן דִי שְׁאֵלָה אוּן גֶעעֶנְטְפֶערְט:, " וָואס דַארְף מֶען שׁוֹין יֶעצְט רֶעדְן פוּן אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקַייטְן," (אִין יֶענֶע צַייט וֶוען דִי הַשְׂכָּלָה אוּן קָאמוּנִיזוּם הָאט אַרָאפְּגֶעפִירְט אָן אַ שִׁיעוּר אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן וֶועג הָאט מֶען גֶעדַארְפְט קְלָאר שְׁטֶעלְן זַיין דִי זַאכְן פְרִיעֶר) דִי תְּשׁוּבָה הָאט זֵייעֶר נִישְׁט גֶעפָאלְן פַאר ר' נַאשְׁקֶע, אִשָּׁה יִרְאַת ה' הִיא תִתְהַלָּל... עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז דֶער עִיקָר אִיז צְנִיעוּת אוּן עֶרְלִיכְקֵייט, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דָאס גַאנְצֶע כָּבוֹד אוּן גֶעלְט אוּן אָפְּגֶעזָאגְט דֶעם שִׁידוּךְ.

אַ צַייט אַרוּם אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, אַ פָּשׁוּטֶ'ער תְּמִימוּתְ'דִיגֶער אִיד צוּ ר' נַאשְׁקֶע, אוּן זָאגְט צוּ ר' נַאשְׁקֶע: "מַיין טָאכְטֶער וֶועט דָאךְ יָא צוּדֶעקְן דֶעם קָאפּ.. אֶפְשָׁר וֶועט דָאס זַיין אַ גוּטֶער שִׁידוּךְ?" ר' נַאשְׁקֶע הָאט צוּגֶעשְׁטִימְט אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן דֶער שִׁידוּךְ לְמַזָּל טוֹב צוּ דִי פְרֵייד פוּן אַלֶע אַרוּם.

---

הָרַב הֶחָסִיד ר' חַיִּים בִּנְיָמִין בְּרָאד זַ"ל הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט יֶעדֶע דָּבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע גֶעפִיל צוּ יֶעדֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ. הָאט דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים זַיין אֵיידִים ר' יַעֲקֹב (יַענְקֶעלֶע) גַאלִינְסְקִי זַ"ל אַז זַיין שְׁוֶוער פְלֶעגְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין צוּ הֶערְן בְּרָכוֹת אוּן קְדוּשָׁה יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל, אָבֶער וֶוען דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן גֶעהוֹיבְּן קָאפּ אוּן גֶעמַאכְט בַּייעֶ גֶעזֶעצְן אַז מֶען דַארְף צוּמַאכְן אַלֶע שׁוּלְן אוּן בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּן בִּכְלַל הָאבְּן זֵיי נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט יֶעדֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ, הָאט עֶר פַארְפֶעלְט צוּ הֶערְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ קַדִּישִׁים אוּן אָמֵן'ס, דִי זַאךְ הָאט פַאר ר' חַיִּים בִּנְיָמִין זֵייעֶר וֵוייעֶר גֶעטוּן. וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁרִיבְּן בַּיי זִיךְ אַ קְלָארֶע צֶעטְל וֶועלְכֶע קַדִּישׁ אוּן בְּרָכוֹת עֶר הָאט פַארְפֶעלְט יֶעדְן טָאג, אַז אִין יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם גָלוּת וֶועט עֶר דָאס אָפְּצָאלְן! אוּן טַאקֶע נָאכְן אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַסַאךְ רְצוֹנוֹת אוּן כִּסּוּפִים, אִיז עֶר אַסַאךְ אָפְּגֶעזֶעסְן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר חֳדָשִׁים אִין דִי שׁוּלְן נָאכְן דַאוֶוענֶען כְּדֵי צוּ מַשְׁלִים זַיין פוּן אַנְדֶערֶע מִנְיָנִים אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן קְדוּשָׁה וָואס עֶר הָאט פַארְפֶעלְט...

אַ [אַנְדֶערֶע] טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: ״אַז דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ אִיז, דֶער ׳דִיבּוּר׳״! וָוארְן דֶער ׳חִילוּק׳ פוּן אַ ׳מֶענְטְשׁ׳ בִּיז אַ ׳בְּהֵמָה׳, אִיז זִיךְ נָאר דֶער ׳דִיבּוּר׳! – אוּן אַז [וִויבַּאלְד] ׳דָאס׳ אִיז דֶער ׳עִיקָר׳ [מִיט] וָואס אַ ׳מֶענְטְשׁ׳ אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַ ׳בְּהֵמָה׳! אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז דָאס דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ (דְהַיְינוּ: דֶער ׳דִיבּוּר׳)!

[צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעזוּכְט אַ ׳דַבְּרָן׳ (דְהַיְינוּ: אַ ׳רֶעדֶער׳) – וָואס עֶר זָאל זַיין אַ ׳בַּעַל־לָשׁוֹן׳, וָואס עֶר זָאל קֶענֶען כַּמָה ׳לְשׁוֹנוֹת׳ [אַסַאךְ שְׁפְּרַאכְן] – אוּן עֶר זָאל אַסַאךְ רֶעדְן תָּמִיד! – וָוארְן אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז בַּיים ׳תַּכְלִית׳!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַ ׳מְשׁוּגֶע׳נֶעם פְרַאנְצוֹיז׳ – וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט צוּ זִיךְ אַלֵיין גֶערֶעדְט! הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: ״צוּ עֶר קֶען ׳לְשׁוֹנוֹת׳ [שְׁפְּרַאכְן]״?!

הָאט עֶר גֶעוואוּסְט ׳כַּמָה לְשׁוֹנוֹת׳ [אַסַאךְ שְׁפְּרַאכְן]!

אוּן אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ, דֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין בְּוַודְאַי דֶערְלַאנְגְט דֶעם ׳תַּכְלִית׳ (נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר ׳נַארִישֶׁע פַארְפִירְטֶע [פַארְבְּלָאנְדְזֶעטֶע] דֵיעָה׳ נָאךְ)! – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ אַ ׳בַּעַל־לָשׁוֹן׳, אוּן עֶר וֵוייסְט ׳כַּמָה לְשׁוֹנוֹת׳, אוּן עֶר רֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ! וָוארְן עֶר רֶעדְט זִיךְ, אֲפִילוּ צוּ זִיךְ אַלֵיין!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז עֶר זֵיי וואוֹיל־גֶעפֶעלְן – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ ׳מֶלֶךְ׳!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ ׳מְדִינָה׳, וָואס זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערְן [׳צוּבְּרֶענְגֶען׳ אוּן ׳מְסוּגָל׳ זַיין צוּ זֵייעֶר זַאךְ]! – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט מִיט זֵייעֶר ׳מֶלֶךְ׳! – אוּן עֶר הָאט זֵיי בְּוַודְאַי גֶעפִירְט בְּדֶרֶךְ־הַיָשָׁר [אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג]!

אַ [אַנְדֶערֶע] טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: ״אַז דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ אִיז ׳שִׂמְחָה׳״! וָוארְן אַז [וֶוען] אַ ׳קִינְד׳ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, אִיז מֶען ׳פְרֵיילֶעךְ׳! – אַז [וֶוען] ס׳אִיז [דָא] אַ ׳חֲתוּנָה׳, אִיז מֶען ׳פְרֵיילֶעךְ׳! – אַז [וֶוען] מֶען נֶעמְט אֶפּ אַ ׳מְדִינָה׳, אִיז מֶען ׳פְרֵיילֶעךְ׳!

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: אִיז זִיךְ דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ פוּן אַלֶעמֶען [אַז דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ פוּן אַלֶעס, אִיז], נָאר ׳שִׂמְחָה׳!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי גֶעזוּכְט אַ מֶענְטְשְׁן, וָואס עֶר זָאל תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ זַיין! – וָוארְן ׳דֶער׳ אִיז זִיךְ בַּיים ׳תַּכְלִית׳, אוּן ׳דֶער׳ קֶער׳ [פַּאסְט] צוּ זַיין אַ ׳מֶלֶךְ׳ אוֹיף זֵיי!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען זוּכְן! – הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן: [אַז] ס׳גֶעגַאנְגֶען אַ ׳גוֹי׳ אִין אַ ׳מִיאוּס [מִיאוּסְ׳ן] הֶעמְד׳ [אַזוֹי־וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער], אוּן הָאט גֶעטְרָאגְן אַ ׳פְלֶעשְׁל בְּרַאנְד־וַויין׳ [בְּרוֹינְפְן]! – אוּן ס׳זֶענֶען אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען ׳כַּמָה גוֹיִם׳! – אוּן דֶער [דָאזִיגֶער] ׳גוֹי׳ אִיז ׳זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ׳ גֶעוֶועןְ, וָוארְן עֶר אִיז ׳זֵייעֶר שִׁיכּוֹר׳ גֶעוֶועןְ!

הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן: ״אַז דֶער [דָאזִיגֶער] ׳גוֹי׳ אִיז ׳זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ׳! אוּן עֶר הָאט קַיין ׳שׁוּם דַאֲגָה׳ נִישְׁט״!

[צוּלִיבּ דֶעם] אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר וואוֹיל־גֶעפֶעלְן דֶער [דָאזִיגֶער] ׳גוֹי׳! – וָוארְן עֶר אִיז בַּיים [הָאט דֶערְגְרַייכְט דֶעם] ׳תַּכְלִית׳! – וָוארְן דֶער ׳תַּכְלִית׳ אִיז זִיךְ [דָאךְ] נָאר ׳שִׂמְחָה׳!

הָאבְּן זֵיי דֶעם ׳גוֹי׳ אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ ׳מֶלֶךְ׳ אִיבֶּער זֵיי! – אוּן עֶר הָאט זֵיי בְּוַודְאַי גֶעפִירְט בְּדֶרֶךְ־הַיָשָׁר [אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג]!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ ׳מְדִינָה׳, וָואס זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערְן [׳צוּבְּרֶענְגֶען׳ אוּן ׳מְסוּגָל׳ זַיין צוּ זֵייעֶר זַאךְ – דְהַיְינוּ: דָארְט וִוי ׳וַויין־גֶערְטְנֶער׳ זֶענֶען]!

אַז מֶען זָאל מַאכְן ׳וַויין׳! אוּן פוּן דִי ׳קֶערְנְדְלִיךְ׳ פוּן דִי ׳וַויין־טְרוֹיבְּן׳, זָאל מֶען מַאכְן ׳בְּרַאנְד־וַויין׳ [בְּרוֹינְפְן]! – אוּן ס׳זָאל גָארְנִישְׁט גֵיין לְאִיבּוּד [פַארְפַאלְן], קַיין שׁוּם זַאךְ פוּן דִי ׳וַויין־טְרוֹיבְּן׳!

וָוארְן דָאס אִיז אִיז זִיךְ [דָאךְ] בַּיי זֵיי, דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' גֶעוֶועןְ, אַז מֶען זָאל 'טְרוּנְקְן', אוּן מְ'זָאל 'שִׁיכֶּערְן', אוּן מְ'זָאל תָּמִיד 'פְרֵיילֶעךְ' זַיין! – כָאטְשֶׁע מְ'וֵוייסְט גָארְנִישְׁט מִיט וָואס [צוּ זַיין 'פְרֵיילֶעךְ', וַוייל דִי 'טְרִינְקֶען' הָאט גָארְנִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט זֵייעֶר 'שִׂמְחָה']! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט מִיט 'עֶפֶּעס' 'פְרֵיילֶעךְ' צוּ זַיין!

אִיז אָבֶּער פָארְט בַּיי זֵיי דָאס, דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' גֶעוֶועןְ: "אַז מְ'זָאל תָּמִיד 'פְרֵיילֶעךְ' זַיין [אוֹיף גָארְנִישְׁט]"!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ 'מְדִינָה', וָואס סְ'קֶער דֶערְצוּ, כַּנַ"ל – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט!

אַ [אַנְדֶערֶע] טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז דֶער 'עִיקָר' [תַּכְלִית] אִיז 'חָכְמָה'"! הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעזוּכְט אַ 'גְרוֹיסְן חָכָם'! – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ 'מֶלֶךְ' אִיבֶּער זֵיי!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזוּכְט אַ 'מְדִינָה', וָואס זִי 'קֶער' ['סְ'בְּרֶענְגְט' צוּ, אוּן אִיז 'מְסוּגָל'] צוּ 'חָכְמָה'! – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט!

אַ [אַנְדֶערֶע] טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' אִיז: אַז מְ'זָאל זִיךְ פִּילֶעוֶועןְ [קוּקְן אוּן זִיךְ אַריינְטוּהְן] אִין 'עֶסְן' אוּן 'טְרִינְקֶען – מְ'זָאל 'גְרֵייסְן' [פַארְגְרֶעסֶערְן] דִי 'אֵבָרִים'!

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ 'בַּעַל־אֵבָרִים'! – דְהַיְינוּ: אַזוֹינֶער [אַזַא אֵיינֶער] וָואס עֶר הָאט 'גְרוֹיסֶע אֵבָרִים', אוּן עֶר פִּילֶעוֶועט זִיךְ צוּ גְרֵייסְן זַיינֶע 'אֵבָרִים' (דְהַיְינוּ: דִי 'גְלִידֶער' פוּן דֶעם 'גוּף')!

וָוארְן, וַוייל [וִוייבַּאלְד] עֶר הָאט 'גְרוֹיסֶע אֵבָרִים' – הָאט עֶר זִיךְ 'מֶער חֵלֶק' אִין דֶער וֶועלְט! – וָוארְן עֶר פַארְנֶעמְט מֶער 'אָרְט' [פְּלַאץ] אִין דֶער וֶועלְט – אוּן דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ, אִיז [מֶער] נֶענְטֶער צוּם 'תַּכְלִית'! – וָוארְן דֶער 'תַּכְלִית' אִיז זִיךְ [דָאךְ], אַז מְ'זָאל גְרֵייסְן [פַארְגְרֶעסֶערְן] דִי 'אֵבָרִים'!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם], אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ קֶער [פַּאסְט] צוּ זַיין אַ 'מֶלֶךְ'! זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַ 'לַאנְגֶען [לַאנְגֶער הוֹיכֶער מֶענְטְשׁ, וָואס מְ'רוּפְט:] וֵויינְגֶער' ['וֵויינְגֶער' אִיז אַ לַאנְד נֶעבְּן 'אוּנְגַארְן', וָואס דִי מֶענְטְשְׁן דָארְט זֶענֶען הוֹיךְ, מִיט וֵויינִיג שֵׂכֶל (ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל)]!

אִיז עֶר זֵיי גֶעפֶעלְן! – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ אַ 'בַּעַל־אֵבָרִים', אוּן עֶר אִיז בַּיים 'תַּכְלִית'! הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ'! אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזוּכְט אַ 'מְדִינָה', וָואס זִי זָאל קֶערְן דֶערְצוּ ['סְ'בְּרֶענְגְט' דֶערְצוּ אוּן אִיז 'מְסוּגָל' צוּ דֶעם]! – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט!

אוּן סְ'גֶעוֶועןְ אַ אַנְדֶערֶע 'כִּיתָּה', וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז דִי 'אַלֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] זַאכְן', זֶענֶען 'אַלֶע' גָאר קַיין 'תַּכְלִית' נִישְׁט! נָאר דֶער 'רֶעכְטֶער [רִיכְטִיגֶער] תַּכְלִית' אִיז: אַז מְ'זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין 'תְּפִילָּה' צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'! – אוּן מְ'זָאל זַיין אַ 'עָנָיו', אוּן אַ 'שְׁפַל־בֶּרֶךְ' (כְּלוֹמַר: מְ'זָאל פוּן זִיךְ גָארְנִישְׁט הַאלְטְן) וְכוּ'"!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזוּכְט אַ 'בַּעַל־תְּפִילָּה'! אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ 'מֶלֶךְ' אִיבֶּער זֵיי!

(דָאס פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין אַלֵיין: אַז דִי 'אַלֶע כִּיתּוֹת' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], הָאבְּן זִיךְ אַלֶע טוֹעֶה גֶעוֶועןְ, אוּן זֶענֶען אַלֶע [זֵייעֶר שְׁטַארְק] פַארְפִירְט [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן, אִין 'גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקַייט'! – אִיטְלֶעכֶע כִּיתָּה, אִין אִיר 'נַארִישְׁקַייט'! – דוּרְךְ זֵייעֶרֶע 'נַארִישֶׁע סְבָרוֹת', אוּן 'נַארִישֶׁע גֶעדַראנְגֶען' [זִיךְ אוֹיפְגֶעדְרִינְגֶען]! – נָאר דִי 'אוּנְטֶערְשְׁטֶע [לֶעצְטֶע] כִּיתָּה', 'דִי' הָאבְּן צוּגֶעטְרָאפְן דֶעם 'רֶעכְטְן [רִיכְטִיגְן] אֱמֶת'! – אַז וואוֹיל אִיז זֵיי!)! דָאס [דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע 'מַעֲשֶׂה' פוּן דִי 'כִּיתּוֹת'] הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט, אֵיינֶער פוּן דִי 'גִבּוֹרִים' – פַאר דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה'! אוּן עֶר הָאט אִים וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט:

"אַז 'זֵיי' (דְהַיְינוּ: דִי [דָאזִיגֶע] 'גִבּוֹרִים' וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען [זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאהָאפְטְן] מִיט דֶעם 'גִבּוֹר', כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער 'כִּיתָּה' פוּן דִי 'בַּעֲלֵי־אֵבָרִים' (דְהַיְינוּ: דִי 'כִּיתָּה' וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' אִיז נָאר, אַז מְ'זָאל זִיךְ 'פִּילֶעוֶועןְ' צוּ גְרֵייסְן [זֶעהְן זִיךְ צוּ פַארְגְרֶעסֶערְן] דִי אֵבָרִים" [דוּרְכְן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען])! – וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען

[אויף זיי] פַּאר אַ 'מֶלֶךְ', אַ 'בַּעַל־אֵבָרִים', כַּנַ"ל" (דְהַיְינוּ: אַ 'גְרוֹיסְן מֶענְטְשְׁן', כַּנַ"ל [ווי אויבְּנְדֶערְמַאנְט])!

וַיְהִי הַיּוֹם! אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ 'מַחֲנֶה' פוּן זֵיי (כְּלוֹמַר: סֶע [סְ'אִיז] גֶעגַאנְגֶען אִינְאֵיינֶעם אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פוּן דִי [דָאזִיגֶע גִּבּוֹרִים] וָואס גֵייעֶן מִיטְן 'גִּבּוֹר' – דָאס זֶענֶען דִי כִּיתָּה פוּן דִי] 'בַּעֲלֵי־אֵבָרִים') [צוּזַאמֶען], מִיט דֶעם 'אִיבַּאז' – וָואס מְ'הָאט [דִי 'אִיבַּאז' הָאט] זֵיי נָאכְגֶעפִירְט 'עֶסְן' און 'טְרִינְקֶען' אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן אַנְדֶערֶע זַאכְן!

און פַאר דִי [דָאזִיגֶע] 'בַּעֲלֵי־אֵבָרִים' – הָאט דִי וֶועלְט בְּוַודַּאי זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט – וָוארְן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזְן 'גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן' און 'גִּבּוֹרִים'! – און וֶוער סְ'הָאט זֵיי בַּאגֶעגְנְט, הָאט [זִיךְ פוּן] זֵיי בְּוַודַּאי אָפְּגֶעטְרֶעטְן [זִיךְ אַוֶועקְגֶערוּקְט] פוּן דֶעם 'וֶועג'!

דֶערְוַוייל, ווי דִי [אויבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'מַחֲנֶה' פוּן דִי 'בַּעֲלֵי־אֵבָרִים' זֶענֶען אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען – אִיז זֵיי אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען אַ 'גְרוֹיסֶער גִּבּוֹר'! [דָאס אִיז דֶער 'אויבְּנְדֶערְמַאנְטֶער גִּבּוֹר' וָואס גֵייט יֶעצְט מִיט זֵיי]! – און דֶער [דָאזִיגֶער] 'גִּבּוֹר', הָאט זֵיי נִישְׁט אָפְּגֶעטְרֶעטְן [זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְגֶערוּקְט] פוּן דֶעם 'וֶועג'!

און עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶער 'מַחֲנֶה' אַרַיין! – און עֶר הָאט זֵיי צוּשְׁפְּרֵייט (מִיט דִי 'הֶענְט') 'אַהִין' און 'אַהֶער'!

און דִי 'לַייט' פוּן דִי 'מַחֲנֶה', הָאבְּן פַאר אִים מוֹרָא גֶעהַאט!

און 'עֶר' (דְהַיְינוּ: דֶער 'גִּבּוֹר') – אִיז זִיךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צְווִישְׁן דִי 'וֶועגֶעלֶעךְ' [וֶועגֶענֶער פוּן עֶסְן און טְרִינְקֶען] הַנַ"ל [וָואס אויבְּנְדֶערְמַאנְט], וָואס זֵיי זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעגַאנְגֶען! – און עֶר הָאט אויפְגֶעגֶעסְן אַלְדִינְג [אַלֶעס] וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶועזְן!

אִיז דָאס בַּיי זֵיי, אַ 'ווּילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידוּשׁ' גֶעוֶועזְן! (וָואס 'דֶער' אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא גְרוֹיסֶער] 'גִּבּוֹר', וָואס עֶר הָאט [גָאר] קַיין מוֹרָא נִישְׁט פַאר זֵיי! און אִיז צְווִישְׁן זֵיי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, און הָאט אויפְגֶעגֶעסְן גָאר וָואס סְ'גֶעוֶועזְן אויף דִי 'וֶועגֶעלֶעךְ' [ווי אויבְּנְדֶערְמַאנְט])!

זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶּף פַאר אִים אַנִידֶערְגֶעפַאלְן! – און הָאבְּן [אִים] גֶעזָאגְט תֵּיכֶּף: "יְחִי הַמֶּלֶךְ"! (כְּלוֹמַר: זֵיי הָאבְּן תֵּיכֶּף אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ 'מֶלֶךְ')! – וָוארְן [זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט, אַז:] אִים קוּמְט בְּוַודַּאי דִי 'מְלוּכָה', נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר 'דֵיעָה' נָאךְ, אַז דֶער 'עִיקָּר תַּכְלִית' אִיז, דֶער וָואס עֶר אִיז אַ 'בַּעַל־אֵבָרִים', כַּנַ"ל. און דֶער 'מֶלֶךְ' [זֵייעֶרֶער], וֶועט אִים בְּוַודַּאי מוֹחֵל זַיין דִי 'מְלוּכָה'! – וָוארְן 'אִים' קוּמְט בְּוַודַּאי דִי 'מְלוּכָה'! ווַייל עֶר אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גִּבּוֹר', אַזוֹי אַ [אַזַא] 'בַּעַל־אֵבָרִים'!

און אַזוֹי אִיז [טַאקֶע] גֶעוֶועזְן! – [אַז] 'זֵיי' [דִי 'דָאזִיגֶע כִּיתָּה' וָואס בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶועזְן גֶעדְרִינְגֶען, אַז דֶער 'עִיקָּר תַּכְלִית', אִיז צוּ זַיין אַ 'בַּעַל־אֵבָרִים'] הָאבְּן אִים אויפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ' (דְהַיְינוּ: דֶעם 'גִּבּוֹר' וָואס עֶר אִיז זֵיי גֶעקוּמֶען אַקֶעגְן, כַּנַ"ל [ווי אויבְּנְדֶערְמַאנְט])!

און דָאס אִיז דֶער [דָאזִיגֶער] 'גִּבּוֹר', וָואס מִיר גֵייעֶן הַיינְט מִיט אִים אָפְּנֶעמֶען [אַיינְנֶעמֶען] דִי וֶועלְט!

און עֶר זָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'גִּבּוֹר' וָואס עֶר אִיז דָא [יֶעצְט], 'מֶלֶךְ' גֶעוָוארְן אויף זֵיי): "אַז עֶר מֵיינְט דֶערְמִיט 'עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ', דֶערְמִיט וָואס עֶר גֵייט אָפְּנֶעמֶען [אַיינְנֶעמֶען] דִי וֶועלְט! – וָוארְן עֶר מֵיינְט גָארְנִישְׁט 'דָאס', אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין אוּנְטֶער אִים! – נָאר עֶר מֵיינְט דֶערְמִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ"!

(דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט אֵיינֶער פוּן דִי 'גִּבּוֹרִים', [פַאר] דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה' – [אויף דֶעם] וָואס עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וויאַזוֹי זֵיי קוּמֶען צוּם־אויף מִיט דֶעם 'גִּבּוֹר'"?! הָאט עֶר אִים דָאס אַלְץ גֶעעֶנְטְפֶערְט, הָאט אִים דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' גֶעפְרֶעגְט: "מִיט וָואס אִיז זַיין 'גְּבוּרָה' פוּן דֶעם 'גִּבּוֹר', וָואס עֶר אִיז אֵייעֶר [עֶנְקֶער] 'מֶלֶךְ' הַיינְט"?! הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט:

"בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־ווִי] אֵיין 'מְדִינָה', הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מַכְנִיעַ זַיין אוּנְטֶער אִים – הָאט [דֶערִיבֶּער] דֶער [דָאזִיגֶער] 'גִּבּוֹר' גֶענוּמֶען זַיין 'שְׁוֶוערְד' וָואס עֶר הָאט! – און דִי 'שְׁוֶוערְד זַיינֶע' הָאט 'דְרַיי כּוֹחוֹת'! – אַז מְ'הֵייבְּט זִי אויף, אַנְטְלוֹיפְן [דַאן] 'אַלֶע שָׂרִים' פוּן דִי 'חֲיָילוֹת' (דְהַיְינוּ: אַלֶע 'עֶלְטְסְטֶע) וְכוּ'"! (און הָאט אויסְגֶערֶעכְנְט, דִי 'דְרַיי כּוֹחוֹת' וָואס אויבְּן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען! – וָואס פוּן 'דָארְט' הָאט דֶער 'גִּבּוֹר' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' גֶענוּמֶען 'גְּבוּרָה', כַּנַ"ל!)

# מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז לְמַעַן צוֹרְרֶיךָ לְהַשְׁבִּית אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ כְּרוּז אוּן אוֹיסְרוּפְן אַז אַלֶע זָאל קוּמֶען צוּם אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ נָאךְ גָאר אַסַאךְ תְּפִלּוֹת, אַז דֶער הֵיילִיגֶער קִבּוּץ בַּיים רֶבִּי'ן זָאל קֶענֶען צוּשְׁטַאנְד קוּמֶען, בִּפְרָט דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן וָואס הָאט גָאר אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ צוּ מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים.

דֶערִיבֶּער וֶועט בְּעֶזְר הַשֵּׁם פָארְקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע,

# עצרת תפלה
# לילדי ברסלב



ווי דִי קִינְדֶער וֶועלְן הֶערְן אַ שֵׁיינֶע דְּרָשָׁה
אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן בּוֹקֵעַ רְקִיעִים זַיין מֶען זָאל קֶענֶען פָארְן
צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ.

## ביום ראשון פרשת שופטים הבעל"ט (ליל ער"ח אלול)

מער פרטים וואו עס וועט זיין און וויפיל אזייגער,

וועלן די קינדער הערן ביי די משגיחים פון די חברות בעז"ה

דִי קִינְדֶער וֶועלְן קוּמֶען בעז"ה מִיט דִי מַשְׁגִּיחִים אוּן מְלַמְּדִים פוּן דִי חֶבְרוֹת.

שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעפטע מעשה - דער בעל תפילה (8)

**א. וועם האבן גענומען די פינעפטע כתה פאר א קעניג?**
- ❑ איינער וואס קען הויך רעדן
- ❑ איינער וואס קען הויך שרייען מיט א שטיל קול
- ❑ א משוגענעם פראנצויז וואס רעדט צו זיך

**ב. וועם האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית שמחה?**
- ❑ א גוי א שיכור
- ❑ א מענטש וואס פלעגט משמח זיין אלמנות און יתומים
- ❑ א מענטש וואס פלעגט לאכן א גאנצן טאג

**ג. מיט וואס האבן זיי זיך געפריידט?**
- ❑ אז זיי האבן געטראפן א פאסיגן קעניג
- ❑ מיט אמונה און נקודות טובות
- ❑ זיי האבן גאר נישט מיט וואס זיך צו פרייען

**ד. וועם האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית חכמה?**
- ❑ א זוהן פון א חכם
- ❑ א תלמיד חכם
- ❑ א גרויסן חכם

**ה. פארוואס האט די אכטע כתה געהאלטן אז דער תכלית איז גרויסן די איברים?**
- ❑ ווייל ער האט מער חלק אין דער וועלט
- ❑ ווייל ער האט מער כבוד
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס האט געזאגט די ניינטע כתה אז דער תכלית איז?**
- ❑ נאר צו עוסק זיין אין תפלה צו השי״ת
- ❑ צו זיין א עניו און שפל ברך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וועם האבן זיי קודם געטראפן פאר א קעניג?**
- ❑ זיי האבן נישט געטראפן
- ❑ אונזער בעל תפלה
- ❑ עפעס א בעל תפלה

**ח. וועלכע פון די אלע כתות האבן געטראפן די אמת?**
- ❑ אלע כתות האבן זיך טועה געווען
- ❑ נאר די כתות פון שמחה און תפילה
- ❑ נאר די כתה פון תפילה

**ט. פון וועלכע כתה זענען געווען די מענטשן פון גבור?**
- ❑ פון די כתה וואס האבן געזאגט אז דער עיקר איז רציחה
- ❑ פון די כתה וואס האבן געזאגט אז דער עיקר איז צו גרויסן די איברים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געדאנק

אן זיי הָאבְּן זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... ביי וועלכע כת שטייט נישט אז זיי האבן געזוכט א לאנד וואס זי זאל קערין דערצו?

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

און זיי הָאבִין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... ביי וועלכע כת איז דער רבי מפרט די לאנד וואס זיי האבן זיך באזעצט? די כת פון רציחה

ציִיבן אויף יעדע איינע פון די פיר לשונות, אויף וועלכע כת האט עס דער רבי געשריבן

און זֵיי הָאבִין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְן אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ – עֶר עֶסְט נָאר אֵיידְלֶע זַאכְין.

און זֵיי הָאבִין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס סֶע זָאל דֶערְצוּ קֶערִין – דִי וֶועלְט זָאל זַיין בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְטְשְׁן

און זֵיי הָאבִין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... - רציחה

הָאבִין דִי כִּיתָה גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז גוֹרֵם און מְסוּגָל צוּ... - כבוד

**געווינער אויף בעל תפלה 6 איז הילד החשוב שמעון נתן שפיגל**
**ירושלים טעלעפאן ***0437**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# דעם רבינ'ס משלים



## דִי טוּמְאָה אִיז אַיינְגֶעזוּנְקֶען

אִין שְׁטָאט אוּסְטְרָהָא וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען רָב, פְלֶעגְן דִי גוֹיִם זֵייעֶר דֶערְצֶערְעֶנֶען דִי אִידְן, בִּפְרָט וֶוען מֶען הָאט אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט אַ טוֹיטְן מֶענְטְשׁ צוּ בַּאעֶרְדִיגְן, הָאט מֶען גֶעמוּזְט דוּרְכְגֵיין דוּרְךְ זֵייעֶרֶע טֻמְאוֹת צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם אִידִישְׁן בֵּית הַקְּבָרוֹת. בַּיים בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֵת פְלֶעגְן דִי גוֹיִם אַרוֹיסְגֵיין פוּן זֵייעֶרֶע קְלוֹיסְטֶערְס צוּ וַוארְפְן שְׁטֵיינֶער אוֹיף דִי אִידְן אוּן זֵיי שְׁלָאגְן, דָאס הָאט זִיךְ לַיידֶער אִיבֶּערְגֶעשְׁפִּילְט בַּיי יֶעדֶע לְוָיָה, בִּיז אֵיין מָאל בְּשַׁעתְ'ן בַּאגְלֵייטְן אַ מֵת זֶענֶען אַלֶע אִידְן אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁרֶעק פוּן דִי גוֹיִם וֶועלְכֶע הָאבְּן טוֹיט גֶעשְׁלָאגְן אַלֶע אַרוּמִיגֶע אוּן לַיידֶער אִיז דֶער מִטָּה וואוּ עֶס אִיז גֶעלֶעגְן דֶעם מֵת גֶעבְּלִיבְן לִיגְן פַארְשֶׁעמְט, נָאר שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען דִי אִידְן צוּרִיק אֶפְּגֶעמֶען דֶעם מֵת צוּ בַּאעֶרְדִיגְן.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א צוּ גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז בַּיי זַיין לְוָיָה וֶועט אוֹיךְ פָארְקוּמֶען דִי אִיבֶּערְקֶערֶענִישְׁן, הָאט עֶר דֶערִיבֶּער בַּאפוֹילְן פַאר עֶטְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן לֵייגְן אוֹיף דִי מִטָּה זַיין הֵיילִיגֶער חִבּוּר חִדּוּשֵׁי מַהַרְשָׁ"א אוֹיף שַׁ"ס, אוּן הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט אַז בַּיים אַרִיבֶּערְגֵיין דָאס פְּלַאץ וואוּ דִי גוֹיִם שְׁלָאגְן זָאלְן זֵיי זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ בְּלַייבְן שְׁטֵיין אוֹיף זֵייעֶר אָרְט.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן, דִי גוֹיִם הָאבְּן גֶעווּאוּסְט אַז דִי אִידְן וֶועלְן יֶעצְט אַרִיבֶּערְפִירְן אַ גְרוֹיסֶער רָב, הָאבְּן זֵיי זִיךְ נָאכְמֶער גֶעגְרֵייט צוּ בַּאפַאלְן דִי אִידְן מִיט אַ רַעַשׁ אוּן אַכְזָרִיוּת, אָבֶּער דִי שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעבְּלִיבְן שְׁטֵיין אוּן נִישְׁט אַנְטְלָאפְן ווִי דִי אַנְדֶערֶע אִידְן, אַזוֹי ווִי דִי צַוָּואָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען. הָאבְּן דִי גוֹיִם זִיךְ גֶענוּמֶען קְרִיגְן מִיט דִי גִבּוֹרִים, וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען בִּיזְן הֵיילִיגְן בֶּעט פוּנֶעם מַהַרְשָׁ"א, הָאט זִיךְ דֶער מַהַרְשָׁ"א אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין בֶּעט אוּן גֶענוּמֶען בְּלֶעטֶערְן זַיין הֵיילִיגְן חִבּוּר פוּן מַהַרְשָׁ"א.

זֶעעֶנְדִיג אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע עֶרְשֵׁיינוּנְג זֶענֶען אַלֶע גוֹיִם צוּלָאפְן פוּן גְרוֹיס פַּחַד צוּ זֵייעֶר קְלוֹיסְטֶער, דֶער מַהַרְשָׁ"א הָאט וַוייטֶער גֶעבְּלֶעטֶערְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן בִּיסְלֶעכְוֵויז זֶענֶען אַלֶע גוֹיִם אַיינְגֶעזוּנְקֶען אִין דֶער עֶרְד צוּזַאמֶען מִיט זֵייעֶר קְלוֹיסְטֶער, בִּיז מֶען הָאט שׁוֹין גָארְנִישְׁט אָנְגֶעזֶען אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען דָארְט אַ בִּנְיָן, אוּן אַלֶע הָאבְּן קְלָאר גֶעזֶען דֶעם גְרוֹיסְן נֵס מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן.

רֶבִּי בֶּן-צִיּוֹן אַפְּטֶער אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי דֶעם אָרְט אוּן דֶערְצֵיילְט אַז דִי גוֹיִם הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ צוֹים אַרוּם, אוּן דֶער פְּלַאץ וֶוערְט גֶערוּפְן 'דֶער קְלוֹיסְטֶער', אָבֶּער דִי גוֹיִם לָאזְן קֵיינֶעם נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף דֶעם אָרְט.

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אליהו קירשנבוים הי"ו
לרגל הולדת הבן עם הבת למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר נפתלי יוסף מענדלאוויטש הי"ו
לרגל ארוסי בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר דוד קויפמאן הי"ו
לרגל אירוסי בנו למזל טוב